**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/6/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**אפוועגדונג-פרייע שולעס: גאווערנער האקול מעלדט אז ניו יארק גייט ווערן די גרעסטע סטעיט אינעם לאנד מיט בעל-צו-בעל באגרעניצונגען אויף סמארטפאונס אין שולעס לענגאויס די סטעיט**

***די גאווערנער דעליווערט אויפן צוזאג צו באגרעניצן סמארטפאון באנוץ אין K-12 שולעס לענגאויס די פולע שולע-טאג; פארלאנגט שולעס צו געבן א וועג פאר עלטערן זיך צו פארבינדן מיט סטודענטן דורכאויס די שולע טאג***

***שולעס וועלן האבן די מעגליכקייט צו שאפן זייער אייגענע איינפירונג פלאן; די בודזשעט טיילט אויס 13.5 מיליאן דאלאר פאר שולע סטארעדש לעזונגען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) מעלדט אז ניו יארק גייט ווערן די גרעסטע סטעיט אינעם לאנד צו פארלאנגען בעל-צו-בעל באגרעניצונגען אויף סמארטפאונס אין K-12 שולעס לענגאויס די סטעיט. די גאווערנער האט פארזיכערט די היסטארישע זוג אלץ טייל פון די אפמאך אויף די פיסקאלע יאר 2026 סטעיט בודזשעט. נאכפאלגנדיג דעם אפמאך און איינפירונג פון די פיסקאלע יאר 2026 סטעיט בודזשעט, וועט ניו יארק סטעיט׳ס אפוועגדונג-פרייע שולעס פאליסי ארייגגיין אין קראפט דעם הערבסט פאר די 2025-2026 שולע יאר. די היינטיגע מעלדונג בויעט זיך אויף גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פאלק-פירנדע פארפליכטונג צו באשיצן יוגנטליכע גייסטישע געזונט און שטיצן סטודענט ערפאלג אין די דיגיטאלע צייט, נאכפאלגנדיג איר שריט לעצטע יאר צו פארזיכערן און אונטערשרייבן א ערשטע-אינעם-לאנד געזעץ צו באגרעניצן אדיקטיווע סאושעל מידיע פידס פאר מינדעריעריגע.

"ניו יארק איז געווען די ערשטע צו צילן אדיקטיווע סאושעל מידיע פידס - און יעצט זענען מיר די גרעסטע סטעיט וואס באגרעניצט סמארטפאונס אין שולעס דורכאויס די גאנצע שולע טאג." **האט גאווערנאר קעטי Hochul (האוקאל) געזאגט.** "איך ווייס אז אונזערע יונגע מענטשן קענען מצליח זיין ווען זיי לערנען און וואקסן, נישט קליק'ן און מישן - און צוליב דעם טוט ניו יארק ווייטער פירן דאס פאלק מיט באשיצן אונזער קינדער אין די דיגיטאלע צייט."

די נייע פארלאנג וועט ווערן איינגעשטעלט אין די 2025-26 שולע יאר און איז גילטיג פאר אלע שולעס אין פאבליק שולע דיסטריקטס, ווי אויך טשארטער שולעס און באורדס אוו קאאפעראטיווע ערציאונג סערוויסעס (Boards of Cooperative Educational Services BOCES).

גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) סעלפאון פאליסי שאפט א סטעיט-ברייטע סטאנדארט פאר אפוועגדונג-פרייע שולעס אין ניו יארק אריינגערעכנט:

- קיין שום אומבארעכטיגטע באנוץ פון סמארטפאונס און אנדערע אינטערנעט-ערמעגליכטע פערזענליכע דעוויייסעס אין די שולע אין K-12 שולעס פאר די גאנצע שולע טאג (פון "בעל צו בעל"), אריינגערעכנט קלאסצימער צייט און אנדערע צייטן אזוויו מיטאג און סטאדי האל צייטן.

- ערלויבט שולעס צו אנטוויקלען זייער אייגענע פלענער צו אוועקלייגן סמארטפאונס דורכאויס די טאג - געבנדיג אדמיניסטראטארס און לערערס די בויגזאמקייט צו טון וואס ארבעט די בעסטע פאר זייערע געביידעס און סטודענטן.
- פארזיכערט 13.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו ערמעגליכן פאר שולעס וואס דארפן הילף איינצוקויפן סטארעדש לעזונגען זיי צו העלפן ווערן אפוועגדונג-פריי.
- פארלאנגט שולעס צו געבן פאר עלטערן א וועג זיך צו פארבינדן מיט זייערע קינדער דורכאויס די טאג אויב נויטיג.
- פארלאנגט פון טיטשערס, עלטערן און סטודענטן צו ווערן אנגעפרעגט אין אנטוויקלען די לאקאלע פאליסי.
- פארמיידט אומיושר'דיגע דיסציפלין.

גאווארנער Hochul's (האקול'ס) פאליסי מאכט קלאר אז סטודענטן וועלן יא מעגן האבן צוטריט צו פשוט'ע סעלפאונס אן אינטערנעט מעגליכקייט, ווי אויך אינטערנעט-ערמעגליכטע דעווייסעס וואס איז אפיציעל געגעבן דורך זייער שולע פאר קלאסצימער אנווייזונגען, אזויווי לעפטאפס אדער טעבלעטס וואס ווערן גענוצט אלס טייל פון לעסן פלענער.

דערצו, נעמט די גאווארנער'ס פאליסי אריין עטליכע אויסנאמען צו סמארטפאון באגרעניצונגען, אריינגערעכנט פאר סטודענטן וואס דארפן צוטריט צו אן אינטערנעט-ערמעגליכטע דעווייס צו באהאנדלען א מעדיצינישע אומשטאנד, וואו פארלאנגט דורך א סטודענט'ס אינדיווידועליזירטע ערציאונג פראגראם (Individualized Education Program IEP), אדער פאר אנדערע אקאדעמישע צוועקן, אדער אנדערע לעגעטימע צוועקן, א שטייגער ווי איבערטייטשן, פאמיליע קעירגעבן און עמערדזשענסיס.

גאווערנער Hochul (האקול) האט נאכגעיאגט די איניציאטיוו נאכן אנטיילנעמען אין א אויסהערן טור לענגאויס די סטעיט מיט טיטשערס, עלטערן און סטודענטן, און זאמלען געפינסן צו שטיצן די נויט פאר א מער סעלפאון באגרעניצונגען אין אונזער שולעס. איר באריכט ["מער לערנען, ווייניגער מישן: שאפן אפוועגדונג-פרייע שולעס"] נעמט אריין:

- סמארטפאונס נעמען אוועק די קאנצענטראציע פון סטודענטן און שטערט לערנען און שעפערישקייט.
- פאון-פרייע ענווייראמענטן שעדיגן נישט סטודענט זיכערהייט.
- פאון-פרייע ענווייראמענטן שטיצן די גייסטישע געזונטהייט פון סטודענטן און טיטשערס.
- אפענע קאמיוניקאציע און דירעקטע אנווייזונג פאר אלע סטעיקהאולדערס איז די שליסל פאר ערפאלגרייכע איינפירונג.
- שולעס מוזן אדרעסירן יעדע עלטערן זארג איבער בלייבן אין פארבינדונג מיט זייערע קינדער דורכאויס דעם טאג.
- א ווירקנדע אפוועגדונג-פרייע פאליסי מוז זיך קאנצענטרירן אויף די גאנצע שולע טאג, ווי איידער נאר בשעת מ'איז אינעם קלאס-צימער.
- שולעס קענען פארשטערקערן זייער אפוועגדונג-פרייע אומגעבונג דורך פארבינדן מער סטודענטן מיט אין-פערזאן פארבינדונגען אזויווי קלאבס, ספארטס, קונסטווערק און אנדערע פראגראמען.

די פאליסי שטרייכט אונטער די גאווארנער'ס אלטע פארפליכטיגונג צו באשיצן יוגנטליכע גייסטישע געזונט:

אין יוני 2024, האט גאווארנער Hochul (האקול) אונטערגעשריבן די פארזיכערט פאר קינדער אקט (Safe for Kids Act) נאכן שטארק אדוואקאטירן פאר און פארזיכערן דורכגאנג פונעם לעגיסלאציע. די געזעץ, די ערשטע פון דעם סארט צו ווערן אונטערגעשריבן אין סיי וועלכע סטעיט אינעם לאנד, פאדערט

פון סאושעל מידיע קאמפעניס צו באגרעניצן די אדיקטיווע פידס אויף זייער פלאטפארמעס פאר באנוצער אונטער 18 יאר אלט. סיידן עלטערן'ס צושטימונג ווערט געגעבן, ווען באנוצער אונטער 18 יאר אלט נישט באקומען קיין אדיקטיווע פידס. גאווארנער Hochul (האקול) האט אויך אונטערגעשריבן די ניו יארק קינדער דאטא באשיצונגס אקט (New York Child Data Protection act) וואס פארבאט אנליין זייטלעך און פארבינדענע דעוויסעס פון זאמלען, נוצן, אויסטיילן אדער פארקויפן פערזענליכע דאטא פון סיי וועם אינטער די יארגאנג פון 18, חוץ אויב זיי באקומען אינפארמירטע הסכמה אדער חוץ אויב אזוי טון איז וויכטיג פאר די תכלית פון די וועבזייטל.

אלס א טייל פון גאווארנער Hochul's (האקול'ס) 1 ביליאן דאלאר אינוועסטירונג אין גייסטישע געזונט לענדאויס די סטעיט, האט די גאווערנער אויך שטארק פארברייטערט דאס צוטריט צו גייסטישע קעיר און רעסאורסעס פאר סטודענטן. לעצטע יאר, האט די סטעיט ערמעגליכט 20 מיליאן דאלאר אין סטארט-אפ באצאלונג פאר מער שולע-באזירטע מענטאל העלט קליניקס און האט אנגעפאנגען א פארזעצנדע אפליקאציע, וועלכע האט פארגרינגערט די אינטערעסירטע שולעס צו שטעלן די סאטעליטס אנשטאט די אמאליגע פראצעס פון קויפן דורך די סטעיט. זינט די מעלדונג אין פעברואר 2024, האט די סטעיט פינאנצירט 71 נייע קליניק סאטעלייטס - אריינגערעכנט 40 אין שטארק נויטיגע דיסטריקטס - צולייגנדיג צו די מער ווי 1,100 וואס זענען יעצט דא לענגואיס די סטעיט.

**ניו יארק סטעיט יונייטעד לערערס פרעזידענט Melinda Person (מעלינדא פערסאן) האט געזאגט,** "דאס איז נישט וועגן זיין אנטי-פאון אדער אנטי-טעכנעלאגיע - עס איז וועגן זיין פרו-טשיילדהוד. מיר געבן פאר סטודענטן זיבן שעה א טאג פרייע פון שטערונגען אז זיי זאלן זיך קענען קאנציטרירן אויף לערנען, באקומען צוטריט צו זייער שעפערישקייט און מאכן ריכטיגע מענטשליכע פארבינדונגען. באקעמפן סאושעל מידיע און טעכנעלאגיע אלץ א פאבליק העלט פראבלעם וועט פארלאנגען אנגייענדע מיטארבעט, עדיוקעישאן און דרייסטקייט - און ניו יארק איז גרייט צו פירן דאס וועג."

**פאונס פרייע ניו יארק גרינדער Raj Goyle (רעי גויל) האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) און די לעגיסלאטור פאר זייער אמת'ע דרייסטע שטאנד אין באשיצן אונזער קינדער פון שעדליכע ווירקונגען פון סמארטפאונס אין שולעס. אלץ א ניו יארקער טאטע פון צווי צענערלינג מיידלעך, בין איך שטאלץ אז ניו יארק וועט זיין די גרעסטע סטעיט אינעם לאנד מיט א בעל-צו-בעל פארבאט. מיר קוקן פאראויס צו ארבעטן מיט שולע דיסטריקטס אין איינפירן די היסטארישע געזעץ. עס איז א נייע טאג פאר אונזער קינדער און טיטשערס אינאיינעם."

**מאמעס אנטקעגן מידיע אדיקציע (MAMA) גרינדער און עקזעקיוטיווע דירעקטער Julie Scelfo (דשולי סקעלפא) האט געזאגט,** "סמארטפאונס ווערט געמאכט צו זיין אדיקטיוו אין א וועג וואס מאכט עס שווערע פאר קינדער צו קאנצעטרירן און לערנען. אלס עלטערן, זענען מיר דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול) און די געזעץ-מאכער וואס האבן אנגעפירט די באמיאונג צו שטיצן אנטיילנעמענדע, אפוועדונג-פרייע לערנען אין אונזער שולעס, מאכנדיג ניו יארק אלץ א ביישפיל פאר די גאנצע לאנד. MAMA וואלונטירן זענען ענערגעזירט מיט דעם זיג - פינף סטעיטס וויניגער, און בלויז נאך 45 צו גיין."

**מאמעס אנטקעגן מידיא אדיקציעס הארלאם טשעפטער פירער און טשיילד וואוילזיין אטארני Muna Heaven (מונא העוון) האט געזאגט,** "עלטערן און טיטשערס זענען צעשטערט מיט וואס די אדיטיווע טעכנעלאגיעס טוען צו אונזער קינדער, און איך בין אזוי שטאלץ צו וואוינען אין א סטעיט וואו אונזער פאליסי-מאכער הערן צו און זענען גרייט צו באקעמפן פאר וואס זיי וייסן איז ריכטיג. אדאנק אונזער אדוואקאטן און פירער אזויווי גאווערנער (האקול), איז ניו יארק יעצט די גרעסטע סטעיט אינעם לאנד צו אריבערפירן פולע בעל-צו-בעל סמארטפאון באגרעניצונגען פאר אלע K-12 שולעס, א פאליסי

וואס וועט נישט בלויז פארבעסערן די עדיוקעישאנעל רעזולטאטן, נאר אויך די אלגעמיינע וואוילזיין פון סטודענטן לענגאויס די סטעיט."

**אכטע קלאס פארנסווארט מיטל שולע סטודענט Anika Bhupati (אניקא בופאטי) האט געזאגט,**
**"**די 'בעל-צו-בעל' סמארטפאון פארבאט האט באמת טראנספארמירט אונזער שולע ענווייראמענט דורך העלפן סטודענטן זיך צו קאנצעטרירן, אנטוויקלען באדייטפולע באציאונגען און באנייען זייער איבערגעגעבנקייט צו לערנען. אן די שטענדיגע שטערונגען פון סמארטפאונס, זענען אונזער קלאסצימערן געווארן ערטער וואו סטודענטן זענען אינגאנצן דארט, נעמען אנטייל און פארשטערקערט צו מצליח זיין. די פאליסי איז א קריטישע טריט אין באשיצן די מעגליכקייטן פון צוקונפטדיגע דורות און פארזיכערן אז שולעס לענגאויס ניו יארק בלייבן פלעצער וואו עדיוקעישאן קומט ערשט."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן